# דברות קודש קילורין לעינים

## בענינים העומדים על הפרק

# מכ״ק רבינו מרן הגה״ק שליט״א מסאטמאר

### אצל דרשת פתיחת הזמן לפני אלפי תלמידי המתיבתא הק׳ בקרית יואל יע״א

### יום ג׳ פרשת וירא תשפ״ד לפ״ק

---

**כ׳וועל** אביסל רעדן דברים העומדים על הפרק, מיט א תפילה פאר שלום אחינו בני ישראל תושבי ארץ ישראל, און נישט נאר תושבי ארץ ישראל, נאר תושבי חוץ לארץ אויך, אידן אין די גאנצע וועלט דארפן רחמי שמים, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אידישע קינדער וויל מ׳איז אין א געוואלדיגע גרויסע סכנה.

**כ׳וויל** אביסל רעדן צו בחורים, מ׳זאל אביסל פארשטיין וואס איז דער ענין דא. דאס בית המקדש איז חרוב געווארן, דאס ערשטע בית המקדש און דאס צווייטע בית המקדש. פארוואס איז חרוב געווארן דאס בית המקדש? ווייסט יעדער איינער, ומפני חטאינו גלינו מארצינו און ס׳איז געווען א חורבן בית המקדש. וואס האט גורם געווען דער חורבן בית המקדש, די גמרא ברענגט אראפ (יומא ט: שבת קיט:) מ׳האט געזינדיגט ליידער עוונות קשים, שווערע עבירות, עבודה זרה, גילוי עריות, שפיכות דמים און חילול שבת, די ארגסטע עבירות נעבעך האט מען געזינדיגט, מ׳האט נישט געקענט עומד זיין פאר׳ן יצר הרע, און דאס האט גורם געווען דעם חורבן בית המקדש.

**דער** חורבן בית המקדש פארשטייט יעדער איינער איז געווען א גזירה מן השמים, דער נביא ירמיה הנביא איז מקונן אין מגילת איכה אויפן חורבן ביהמ״ק, זעהט מען דארט אז ער איז מקונן אויף צוויי זאכן, ער איז מקונן אויפן ביהמ״ק וואס איז חרוב געווארן, און ער איז מקונן אויף כלל ישראל אויך, בפרט אינעם פערטן קאפיטל, **׳טובים היו חללי חרב מחללי רעב׳** (איכה ד, ט), ווי ער באוויינט אזוי די חללים, די אידן וואס זענען אומגעקומען דורך די רשעים, דורך נבוכדנאצר וחבריו ביים ערשטן חורבן הבית, און טיטוס הרשע וחבריו ביים צווייטן חורבן.

**האט** שוין עמיצער אריין געטראכט, ווער זענען געווען די חללים? – די וואס האבן געזינדיגט, די וואס האבן גורם געווען דעם חורבן ביהמ״ק! אוודאי ס׳איז געווען ערליכע אידן אויך, אבער זיי זענען אויך געווען פון די חללים, און דער נביא איז מקונן אויף ביידע.

**א איד** ווען ער ווערט גע׳הרג׳ט דורך א גוי, איז עס א אנדערע מין, די שכינה הקדושה איז זיך מצער, צי וויל ס׳איז מיתתו כפרתו, איך גיי נישט אריין וואס דער ענין איז, אבער הקב״ה איז זיך מצער בצרתן של ישראל, אפילו ווען ער איז געווען חייב מיתה, די מצוה פון ׳קבור תקברנו׳ (דברים כא, כג) שטייט דייקא ביי מיתת בית דין, אפילו בית דין האט אים גע׳הרג׳ט, דאס איז שוין א אנדערע זאך, ווען א גוי הרג׳ט א איד איז עס א אנדערע זאך.

**ווען** מ׳קוקט אריין אין פסוק ביי די מלחמה פון עמלק, ׳ויזנב בך כל הנחשלים אחריך׳ (דברים כה, יח), ווער איז דאס געווען? – די וואס די עננים האבן אויסגעשפיגן. וועמען האט די עננים אויסגעשפיגן? דאס איז געווען די וואס האבן געהאט דעם פסל מיכה, און אויף דעם זאגט דער פסוק ׳זכור את אשר עשה לך עמלק׳, ווען עמלק הרג׳ט א איד איז א אנדערע זאך.

**הקב״ה** איז זיך מצער בצרתן של ישראל, און אז הקב״ה איז זיך מצער דארף זיך יעדער איד מצער זיין, אלעם איז טאקע גזירות מן השמים, ס׳איז דא אבער א ידיעה און א בחירה, ס׳איז צוויי בחינות, ס׳איז צוויי זאכן.

**האט** עמיצער אריין געטראכט ביי די צווייטע וועלט׳ס קריג איז גע׳הרג׳ט געווארן זעקס מיליאן אידן, האט עמיצער אריין געטראכט ווער זענען געווען די זעקס מיליאן אידן? צי זענען די זעקס מיליאן אידן געווען שומרי תורה ומצוות? **ס׳איז א ווייטאג צו זאגן, ס׳איז אביסל א בושה, רוב פון די זעקס מיליאן אידן זענען ליידער נישט געווען קיין שומרי תורה ומצוות**, דאס איז דער מציאות, מ׳ווייסט דאס נישט היינט די היסטאריע פון כלל ישראל, אבער איך זאג אייך רוב – נישט סתם א רוב, נאר א גרויסער רוב, כ׳וויל נישט אריין גיין אין פראצענט, אבער זייער א גרויסער רוב. זעקס מיליאן אידן זענען גע׳הרג׳ט געווארן, מ׳זאגט ׳השם יקום דמם׳ פאר אלע זעקס מיליאן אידן.

**דא** האט פאסירט מ׳האט גע׳הרג׳ט ל״ע פערצן הונדערט אידן, כ׳ווייס און יעדער איינער ווייסט ס׳זענען געווען דארט מחללי שבתות, די וואס די תורה הקדושה זאגט אויף זיי ׳מחלליה מות יומת׳ (שמות לא, יד), יא, מחלליה מות יומת, אמת, אבער א גוי האט זיי גע׳הרג׳ט דארף מען עס אנדערש אנקוקן, מיט אן אנדערן בליק, ׳הרנינו גוים עמו כי דם עבדיו יקום׳ גייט ארויף אויף אלע אידישע קינדער פון עמלק אהן, אלע אידישע קינדער.

**עס** איז געווען א דרשה פונעם פעטער ז״ל אין די קריג, (דרשה לפני קריה״ת שב״ק פ׳ תשא שנת ת״ש לפ״ק בעיר זענטא יצ״ו) לגבי די הצלה פון פליטים פון פוילן, זאגט ער דארט, אז ס׳איז א חוב מציל צו זיין די פליטים, אפילו די וואס

זענען נישט קיין שומרי תורה ומצוות, און ער באנוצט זיך מיט דעם לשון **׳ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא׳** (סנהדרין מד.), ער באנוצט זיך מיט דעם מאמר חז״ל (והיא לו נדפסה בקונטרס חידושי תורה במסיבות להחזקת המוסדות ח״א עמ׳ תרכ״ו).

**כ׳געדענק** ווען ס׳איז געווען די זעקס טאג׳יגע קריג (בשנת תשכ״ז), ס׳איז נעבעך געפאלן דעמאלטס אידן, דער פעטער ז״ל האט זיך זייער מצער געווען אויף אלע געפאלענע, דאס דארף מען צו וויסן. ס׳איז דעמאלטס געווען א יום תפילה ווער ס׳געדענקט, האט ער דעמאלטס געזאגט, מ׳דארף מתפלל זיין פאר די הצלה, און נישט פאר די הצלחה פון די ציונים, אזוי האט ער דעמאלטס געזאגט פאר ר׳ סענדער דייטש׳ן (ראה״ק ומנהל המוסדות, ממקורבי רביה״ק זיע״א) ווען ער האט אים געפרעגט, **מ׳זאל מתפלל זיין פאר די הצלה פון אידן, אבער נישט פאר די הצלחה פון ציונות.**

**און** ווען מ׳האט אים געפרעגט ווי אזוי קען דאס זיין? האט ער געזאגט, **הקב״ה איז א כל יכול, פאר׳ן אויבערשטן געבט מען נישט קיין עצות, דער אויבערשטער איז א כל יכול!**

**עס** איז דא פאר וועם ס׳האט וויי געטוהן אז ס׳איז גע׳הרג׳ט געווארן אידן, ס׳איז אבער דא אנדערע וואס עס טוט זיי עפעס אנדערש וויי, די וואס האבן זיך שטענדיג געגרויסט מיטן כוחי ועוצם ידי, די מיליטער איז זייער שטארק וכדו׳, **דער כוחי ועוצם ידי האט געכאפט א גרויסע מפלה, א גרויסע השפלה, ברעש גדול פאר די גאנצע וועלט**, און ס׳איז דא ליידער מענטשן וואס דאס טוט זיי מער וויי ווי די גאנצע זאך, די בושה און די כעס איז אויף דעם זייער גרויס.

**הגם** אונז זאגן מיר אויף דעם חלק האבן מיר אונז הנאה, אונז דאנקען מיר דעם באשעפער אויף דעם, ס׳האט נאר ליידער געקאסט א טייערן פרייז. די השפלה פונעם גאות, **דער טריפה׳נערווארט ׳ישראל בטח בצה״ל׳ האט געכאפט א קלאפ, דאס איז צושמעטערט געווארן!**

**אונז געדענק מיר מיט אפאר יאר צוריק ווען דער ראש הכופרים האט זיך אויפגעטוהן מיטן כוחי ועוצם ידי** (בחורף שנת תשע״ה, בנאומו לפני הקונגרס בארה״ב, עפ״ל), **מ׳האט אים יעצט געוויזן פון הימל א גרויסע השפלה, און ס׳איז פאר אים פערזענליך א גרויסער בזיון, און דאס פארדריסט זייער שטארק פאר וועמען ס׳פארדריסט**, און אויף דעם גייט ארויף די נקמה, די נקמה איז אז מ׳גייט זיי ווייזן איינמאל פאר אלעמאל.

**און** אויף דעם זענען מיר באזארגט, מי יודע ווער ס׳וועט פאר וועמען? עס גייט שוין אהן אזוי יארן לאנג, א נקמה פאר דעם און א נקמה פאר דעם, איינער געבט און יענער דערלאנגט צוריק, אזוי גייט עס שוין ליידער אהן יארן לאנג און עס קאסט אידישע נפשות, ס׳האט נישט קיין ענדע די שפיכות דמים.

**אונז** געדענקען מיר מיט בערך פערציג יאר צוריק (בשנת תשמ״ב לפ״ק) איז געווען א מלחמה, מ׳האט עס אהנגערופן ׳די מלחמה פון לבנון׳, דער דעמאלטס׳דיגע ראש הכופרים האט זיך אויפגעטוהן ׳ותשקוט הארץ ארבעים שנה׳, מ׳גייט אין מלחמה און ס׳וועט זיין פערציג יאר שטיל. **וואס האט זיך אויסגעשטעלט? לא מיניה ולא מקצתיה, צענדליגער יארן שפיכות דמים און עס קאסט אידישע נפשות** ה״י.

**עס** הערשט היינט א געוואלדיגע סכנה די מלחמה זאל זיך נאכמער צופלאקערן חלילה, ס׳זאל נאך ווערן נאך אסאך א גרעסערע מלחמה מיט אנדערע מדינות, און עס קען אריין שלעפן גאנץ כלל ישראל פון די גאנצע וועלט, **עס הערשט א גרויסע סכנה, איבעראל איז דא אידן, און איבעראל איז דא רשעים, כלל ישראל דארף גרויס רחמים אין די גאנצע וועלט, און דא פאר אונז אין מדינת אמעריקא אויך.**

**בעצם** הענין דארף מען צו וויסן, **פון איין זייט שטייען רוצחים, אכזריות׳דיגע רוצחים, רוצחי גופים, און פון די אנדערע זייט שטייען רוצחי נפשות, זיי האבן שוין מעביר געווען על הדת הונדערטער טויזענטער אידישע נשמות, און המחטיא את האדם קשה יותר מן ההורגו! – הונדערטער טויזענטער אידישע נפשות האט מען מעביר געווען על הדת אין משך פון יארן, דאס איז אסאך א גרעסערע עבירה און אסאך ערגער ווי די רוצחי הגופים!** ס׳איז דא ליידער אין ארץ ישראל אין פלטרין של מלך א מלכות המינות, וואס יעדן טאג איז עס מכעיס דעם בורא כל עולמים, מיט אלע עבירות האמורות שבתורה, כפירה אין ביאת המשיח, כפירה אין כל התורה כולה.

**אונז** בעט מיר, אונז זענען מיר מתפלל צום הייליגן באשעפער, **הייליגער באשעפער, דו ביזט דאך א כל יכול, ער זאל מציל זיין כלל ישראל פוןביידע, דער אויבערשטער זאל העלפן, ער זאל מעביר זיין ממשלת זדון מן הארץ, מיט רחמים וחסדים פאר כלל ישראל, אהן א שום היזק פאר א אידיש קינד, ווי אזוי דאס זאל זיין? דער הייליגער באשעפער ווייסט, און מיר האפן אז דער הייליגער באשעפער וועט דאס טוהן.**

**כלל** ישראל איז מתפלל צום הייליגן באשעפער, שומר ישראל שמור שארית ישראל, א גרויסע שמירה, **א שמירה מעולה מכל צער ונזק, א שמירה פאר אחינו בני ישראל תושבי ארץ ישראל, און א שמירה מעולה פאר אלע אידישע קינדער בכל העולם כולו, אזוי ווי כ׳האב שוין פריער דערמאנט, מ׳דארף איבעראל רחמי שמים!**, דער אויבערשטער זאל זיך מרחם זיין על עמו ועל נחלתו, ער זאל אפהיטן אלע אידישע קינדער מכל צרה וצוקה ברוב רחמיו וחסדיו, ביז דער אויבערשטער וועט העלפן מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

נתפרסם ע״י מערכת ״קול התאחדותינו״ דקהל יטב לב ד׳סאטמאר קרית יואל בני ברק ת״ו